אימעיל 106#
יום ב' פרשת לך
ו' חשון תשע"ו
10/19/2015

וואס איז דאס חיזוק געדאנקען און וואס איז דאס ריקאוועריש שמועסן?
זענען ביידע קאלום'ס געמאכט פארן זעלבן מענטש אדער יעדעס רעדט צו אן אנדערן?
ווער דארף בלויז חיזוק און ווער געברויך ריקאווערי?
פאר די ענטפער'ס אויף די שאלות ריפלייט צו דעם אימעל און פארלאנגט דעם ארטיקל "מה בין שמירת עינים לאדיקשן"
נוטיגט איר זיך אין מער הילף, חיזוק און עצות, דרוקט דא ( http://guardyoureyes.com/yid ) ארויפצוגיין אויף אונזער וועבסייט.
זיך איינצושרייבן אינעם אידישן 12-סטעפ טעלעפאן קאנפערענץ" גרופע וואס ווערט אפגעהאלטן יעדן מיטוואך אינדערפרי, ביטע רופט: 715-256-7837 און לאזט איבער א מעסעדזש וואו מ'קען אייך קאנטאקטן. אדער שיקט אן אימעיל צו Yiddish12StepGroup@Gmail.com ( mailto:Yiddish12StepGroup@Gmail.com ). די גרופע איז גענצליך אומזינסט און אנאנים.
זיך ארויפצוסיינען אויף אונזער "טעקסט" גרופע (דורך א גוגל וואויס נומער) אדער אימעיל גרופע, ביטע ריפלייען.

תוכן הענינים

חיזוק געדאנקען /
רעקאווערי שמועסן /

מעלדונגען

זעהט די ריקאווערי אפטיילונג

שמירת עניים

'ר' שלום מרדכי רובאשקין'. יעדער פון אונז האט שוין געהערט די נאמען. א איד וואס האלט זיך פעסט אין שווערע צייטן, מיט א פעסטע אמונה. ער איז א לעבעדיגע מוסטער וויאזוי א איד קען לעבן מיט א שטארקייט און אמונה. יה"ר אז ער זאל באפרייט ווערן בקרוב ממש בתוך שאר אסירי ישראל.
אין א בריוו פאר די ימים נוראים תשע"ו, שרייבט ר' שלום מרדכי, וועגן די תועלת פון 'חוש הציור', וויאזוי עס קומט אים צוניץ אין די די תפיסה ווי ער געפינט זיך, פאלגענד איז א חלק פון זיינע תוכנ'דיגע ווערטער וואס איז זייער אקטועל פאר יעדן איינעם פון אונז, וויאזוי מיר קענען זיך באפרייען פון די 'רוחניות'דיגע תפיסה' וואס מיר געפינען זיך.
ר' שלום מרדכי שרייבט אזוי:
"דער 'חוש הציור' איז זייער וויכטיג אין א פלאץ וואס הייסט 'תפיסה'. ווייל די אלע זאכן וואס מען זעהט און מען הערט אין א אידישע קהלה איז נישטא אין א פלאץ וואס הייסט תפיסה, אין תפיסה איז מען געצווינגען צו 'גיין צו סליחות' אפאר קליינע טריט אין די קליינע צעל! אזוי קליין ווי גאר א קליינע סוכה! מען ווערט פארשפארט בערך 9:35 מיט נאך א אינו יהודי וואס לייגט זיך כראפען... נישטא קיין שול, נישטא קיין מנין, נישטא קיין חזן, עס איז שטארק שטיל, און מען איז אליין מיט דער אייבערשטער, און מען זאגט לך השם הצדקה ולנו בושת הפנים.
און דער אייבערשטער געבט יעדער איד כח זיך אויפצוהייבן העכער, צו קענען 'ארויסגיין' ווייט ווייט אוועק פון די תפיסה צעל און 'אריין גיין' אין שול אריין, דארטן ווי ער האט געזאגט סליחות די אלע יארן, ווייל דער אייבערשטער שענקט דער איד מיט א חוש 'הציור'.
מיט דעם 'חוש הציור' קענען מיר 'זעהן'...
מען 'זעהט' וויאזוי מען גייט ארויס פון הויז מיט בטחון אין דעם אייבערשטען אז ער וועט צוהערן צו אונזער סליחות...
מען 'זעהט' ווי מען גייט צוזאמען מיט נאך אסאך אידן אין שול, 'תפלת הצבור'...
מען 'זעהט' די ווייסע פרוכת אויף דעם ארון הקודש...
מען 'זעהט' די שול אנגעפאקט מיט אידן, כן ירבו...
מען 'זעהט' ווי דער עולם ווערט שטיל און שטייען מיט כבוד ווען דער רבי קומט אריין אין שול...
מען 'זעהט' ווי דער חזן גייט צו צום עמוד און שרייט אויס אשרי יושבי ביתך...
און מען 'הערט' די באמבע'דיגע 'יתגדל ויתקדש שמיה רבא!'...
ברוך השם, דער אייבערשטער געבט אונז די חושים צו 'זעהן' און 'הערן' די ווערטער פון סליחות פונקט אזוי ווי מען שטייט מיט די אידן אין שול, כאטש מען איז אין א קליינע צעל...
זעהט מען די וויכטיגקייט צו האבן א שטארקע 'חוש הציור', זיך מצייר זיין אזויווי מען שטייט פאר א קעניג און תשובה טוהן מיט א אמת. אבער, צוזאמען מיט דעם, דארפן מיר היטן אונזער 'חוש הציור' אז עס זאל נישט פארדארבען ווערן חס

שלום! און אויב איר ווינדערט זיך וויאזוי היטן מיר אונזער חוש הציור און וויאזוי מאכט מען עס שטארקער?!
דער ענטפער איז: מיר דארפן היטן אונזער אויגן צו קוקן און זעהן נאר כשר'ע הייליגע זאכן, זעהן די הייליגע אותיות פון די תורה, די הייליגע צדיקים, די שבת און יום טוב טיש וכו', דעמאלסט בלייבט ריין און קלאר די בילד וואס מיר האבן געזעהן, עס בלייבט פונקט אזוויי מיר האבן עס געזעהן אמאל, און וואס מער קדושה'דיגע זאכן מיר זעהן, מאכט דאס שטארקער די ציור אין קאפ.
מיר דארפן זיך שטארק היטן, נישט ארייננצולאזן זאכן וואס זענען נישט ריין אדער טמא ח"ו, ווייל דעמאלסט טוט די נישט גוטע בילדער ארייננעמישט ווערן אין אונזער חוש הציור און שמיעה בשעת ווען מיר זענען זיך מצייר א געוויסע ציור. למשל, ווען מען וויל זיך מצייר זיין וויאזוי עס קוקט אויס אין שול דעם מוצאי שבת סליחות נאכט, איז פלוצלינג! מיטאמאל, קען ארייפאלן די נישט געוויינטשענע ציורים פון היפוך קדושה און א נארישע 'בהמה' קען פלוצלינג ארייןלויפן אין שול אינמיטן סליחות!... אדער אנדערע זאכן וואס פארדרייען די הייליגע ציורים וואס מיר זעהן, די נישט גוטע זאכן שאדט צום קלארקייט וואס מען וויל זעהן, די בילד ווערט פארנעפלט אדער נאך ערגער חס ושלום...
פארציילט ר' שלום מרדכי: "ברוך השם, כדי איך זאל ווערן די מושל אויף דער פלאץ וואס הייסט תפיסה, און נישט פארקערט ח"ו... האב איך געמאכט א שטארקע באשלוס צו היטן מיין הייליגע נשמה, און דער הייליגע חוש הציור, אזוי אז אפי' זיי קענען צווינגן געוויסע זאכן אויף דער גוף, קענען זיי אבער נישט צווינגן זאכן אויף מיין נשמה... און אזוי קענען מיר לעבן ווי א איד, און דינען דעם אייבערשטען מיט שמחה.
אבער דאך פרובירן זיי זיך ארייננצוצווינגן אין די נשמה אריין, רחמנא ליצלן! וויאזוי טוען זיי דאס?!
זיי פרובירן ארייננצוקומען דורך די טויערן פון דער מענטש. דורך די 'אויגן', און די 'אויערן', און אפי' דורך די נאז... (יא, די אלע גוי'אישע שטונקערייי וואס זיי קאכן איז מיאוס פאר א איד...), און פארשטייט זיך אז אויב מען לאזט זיי אריין דורך די אויגן און די אויערן וועלן זיי נישט נאר קאנטראלירן דער 'גוף' נאר אויך די 'נשמה', חס ושלום!
אפי' בלויז קוקן אדער הערן עפעס וואס איז נישט אידיש, און נישט פול מיט קדושה שאדט! ווייל א יעדע נישט אידישע זאך איז א קליפה וואס דעקט איבער די ריינקייט און די שיין פון דער איד'ס נשמה, און דאס מאכט אז די 'געפיהלן' און 'ציורים' וואס דער איד האט פון געבורט זאל פארלוירן ווערן, אויב מען לאזט אריין די גוי'אישע ציורים הייבט מען אן טראכטן און פארשטיין און מצייר זיין זאכן אזוויי דער גוי ח"ו, און דאס איז דער גרעסטער 'תפיסה' פאר א איד, רח"ל. זיין נשמה איז אין תפיסה רח"ל!
האב איך פארשטאנען אז מען טאר נישט צולאזן אז די היפוך קדושה זאל מצליח זיין ארייננצוגיין דורך די אויגן און אויערן 'אפי' נישט אביסל'! און אזוי, בעזרת השם, וועל איך קענען בלייבן גאנץ מיט אלע גוטע ציורים וואס איך האב געהערט און געזעהן אלע מיינע יארן, ווי א איד. און אז מיין נשמה וועט בלייבן מיינע, וועט מיין גוף אויך בלייבן מיינע... און אזוי איז א איד א 'בן חורין' און ער איז 'בשמחה' תמיד, ווען ער איז צוגעבינדן צום אייבערשטען.
ר' שלום מרדכי איז מסיים: יה"ר פון השי"ת, צו געבן יעדן איד זיין גאולה פרטי מיט אונזער גאולה כללי יעצט מיט משיח צדקנו.
(קרעדיט: חברינו היקר קטן שנולד אויף אונזער פארום)

רעקאווערי שמועסן

בקשה נחוצה
אזוי ווי מיר נויטיגען זיך אין הילף מיט שרייבערייי שיקען מיר דערוויל לויט וואס מיר באקומען פון די אידן וואס זענען זיך מתנדב איבערצוטייטשען אדער אליין צו שרייבן ארטיקלען,.
דעריבער בעטן מיר טייערע אידן אויב האט ער עפעס א גוטן ארטיקל אויף שמירת עניים, חיזוק מיט נסיונות, אדער ריקאוורי געדאנקן.
ביטע שיקט דאס צו דעם אימעל אדרעס און איר וועט מזכה זיין אידן מיטן העלפן זיי זיך צו דערהאלטן דורכן טאג דורך די עטליכע געדאנקן וואס ער האט געזעהן דא, אדער וועט איר האבן א חלק אין העלפן איינעם זיך צו ערהוילן פון זיינע שווערע ביטערע מיטמאכענישן מיט זיין אדיקשן.
נ.ב. אויב איר קענט בלויז אריין גיין אויפן פארום און אויסוועלן גוטע סחורה און אונז עס שיקן איז דאס אויך א שטארקע הילף.
תזכו למצוות
(קרעדיט: חברינו היקר עבודת הבורא)
אויב האט איר א שאלה בנוגע די 12 סטעפס; איר ווילט עפעס זאל ווערן אויסגעשמועסט אין דער אפטיילונג; איר האט עפעס חומר אדער פראגראם סלאגאנס וואס איז פאסיג אהער, ביטע שיקט אן אימעל צו avudashabura@gmail.com
( mailto:avudashabura@gmail.com )

אזוויי דער אידישער וועבסייט איז אונטער ערנסטע קאנסטרוקציע, און ווי איר זעט ארבעטן נישט געהעריג אלע לינקס און רוב אפציעס, בעטן מיר אנטשולדיגונג פונעם עולם. מ'האף מיר אי"ה בקרוב צוביסלעך דאס אלעס צו פאררעכטן, און צו קענען ווי אמשנעלסן קעגנקומען דעם ציבור מיט א שיינעם פארגעשריטענעם און העכסט-תוכנ'דיגער סייט, מיט רוב פונקציעס וואס עס איז דא ביי די ענגלישע.
כדי דאס אלעס אהערצושטעלן פאר אונזער אידיש-רעדנדן ציבור, נויטיגן זיך מיר שטארק אין נדבות פון אחינו בני ישראל

נדיבי לב, בפרט פון אונזער ציבור וואס ווייסט און פארשטייט די וויכטיגקייט פון אזא ארגאניזאציע. דעריבער אפעלירן מיר בכל לשון של בקשה: ווער עס קען זיך מנדב זיין גרעסערע נדבות, אדער צי זיך אונטערנעמען חודש'ליכע פעימענטס, אדער סיי וועלכע איינמאליגע נדבה, זאל ביטע דאס אויספילן אויפ'ן ספעציעלן אידישן דאנעישאן בלאט
( https://guardyoureyes.com/yid/?option=com_jdonation
( http://guardyoureyes.com/yid/?option=com_jdonation
כדי דאס געלט זאל טאקע אנקומען צו אונזער אפטיילונג, ביטע מאכט זיכער אז איר זענט טאקע אנגעקומען צום אידישן אפטיילונג (צוליב טעכנישע סיבות קען מען אמאל אנקומען צו די היברו). אויך נעמט אין אכט אז ביי די אנדערע דאנעישאן אפציעס, חוץ ביי די קרעדיט קארד, זאל מען ביטע ארויסשרייבן SITE YIDDISH THE FOR כדי דאס געלט זאל אנקומען צו אונזער אפטיילונג
אין דעם זכות זאלט איר בכלל נישט דארפן צוקומען צו אונזערע סערוויסעס, און אויב שוין יא, זאלט איר זיך שנעל קענען ערהוילן און זיך היילן פון אלע פראבלעמען און מכאובים, און ס'זאל מקוים ווערן דעם "כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו"!
ביי דער געלעגנהייט ווילן מיר אויסדרוקן אונזער טיפן דאנק פאר די ווארעמע אידן וועלכע זענען אונז שוין אנטקעגן געקומען און בייגעשטייערט שיינע סכומים. השי"ת זאל זיי באצאלן כפל כפליים!

צו זען אלע ביז-איצטיגע אימעילס דרוקט דא ( acymaili_com=option?php.index/yid/com.guardyoureyes//:http
( ng&view=archive&layout=listing&Itemid=33
דאונצולאודן אונזער "האנטבוך" דרוקט דא ( forma&callelement=task?ebooks/live/com.guardyoureyes//:http
( t=raw&item_id=213&element=f85c494b-2b32-4109-b8c1-083cca2b7db6&method=download
זיך אנסובסקרייבן פון די אימעילס

'ר' שלום מרדכי רובאשקין'. יעדער פון אונז האט שוין געהערט די נאמען. א איד וואס האלט זיך פעסט אין שווערע צייטן, מיט א פעסטע אמונה. ער איז א לעבעדיגע מוסטער וויאזוי א איד קען לעבן מיט א שטארקייט און אמונה. יה"ר אז ער זאל באפרייט ווערן בקרוב ממש בתוך שאר אסירי ישראל.

אין א בריוו פאר די ימים נוראים תשע"ו, שרייבט ר' שלום מרדכי, וועגן די תועלת פון 'חוש הציור', וויאזוי עס קומט אים צוניץ אין די די תפיסה ווי ער געפינט זיך, פאלגענד איז א חלק פון זיינע תוכנ'דיגע ווערטער וואס איז זייער אקטועל פאר יעדן איינעם פון אונז, וויאזוי מיר קענען זיך באפרייען פון די 'רוחניות'דיגע תפיסה' וואס מיר געפינען זיך.

ר' שלום מרדכי שרייבט אזוי:
"דער 'חוש הציור' איז זייער וויכטיג אין א פלאץ וואס הייסט 'תפיסה'. ווייל די אלע זאכן וואס מען זעהט און מען הערט אין א אידישע קהלה איז נישטא אין א פלאץ וואס הייסט תפיסה, אין תפיסה איז מען געצווינגען צו 'גיין צו סליחות' אפאר קליינע טריט אין די קליינע צעל! אזוי קליין ווי גאר א קליינע סוכה! מען ווערט פארשפארט בערך 9:35 מיט נאך א אינו יהודי וואס לייגט זיך כראפען... נישטא קיין שול, נישטא קיין מנין, נישטא קיין חזן, עס איז שטארק שטיל, און מען איז אליין מיט דער אייבערשטער, און מען זאגט לך השם הצדקה ולנו בושת הפנים.

און דער אייבערשטער געבט יעדער איד כח זיך אויפצוהייבן העכער, צו קענען 'ארויסגיין' ווייט ווייט אוועק פון די תפיסה צעל און 'אריין גיין' אין שול אריין, דארטן ווי ער האט געזאגט סליחות די אלע יארן, ווייל דער אייבערשטער שענקט דער איד מיט א חוש 'הציור'.

מיט דעם 'חוש הציור' קענען מיר 'זעהן'...
מען 'זעהט' וויאזוי מען גייט ארויס פון הויז מיט בטחון אין דעם אייבערשטען אז ער וועט צוהערן צו אונזער סליחות...
מען 'זעהט' ווי מען גייט צוזאמען מיט נאך אסאך אידן אין שול, 'תפלת הצבור'...
מען 'זעהט' די ווייסע פרוכת אויף דעם ארון הקודש...
מען 'זעהט' די שול אנגעפאקט מיט אידן, כן ירבו...
מען 'זעהט' ווי דער עולם ווערט שטיל און שטייען מיט כבוד ווען דער רבי קומט אריין אין שול...
מען 'זעהט' ווי דער חזן גייט צו צום עמוד און שרייט אויס אשרי יושבי ביתך... און מען 'הערט' די באמבע'דיגע 'יתגדל ויתקדש שמיה רבא!'...

ברוך השם, דער אייבערשטער געבט אונז די חושים צו 'זעהן' און 'הערן' די ווערטער פון סליחות פונקט אזוי ווי מען שטייט מיט די אידן אין שול, כאטש מען איז אין א קליינע צעל...

זעהט מען די וויכטיגקייט צו האבן א שטארקע 'חוש הציור', זיך מצייר זיין אזוי ווי מען שטייט פאר א קעניג און תשובה טוהן מיט א אמת. אבער, צוזאמען מיט דעם, דארפן מיר היטן אונזער 'חוש הציור' אז עס זאל נישט פארדארבען ווערן חס ושלום! און אויב איר וואנדערט זיך וויאזוי היטן מיר אונזער חוש הציור און וויאזוי מאכט מען עס שטארקער?!

דער ענטפער איז: מיר דארפן היטן אונזער אויגן צו קוקן און זעהן נאר כשר'ע הייליגע זאכן, זעהן די הייליגע אותיות פון די תורה, די הייליגע צדיקים, די שבת און יום טוב טיש וכו', דעמאלסט בלייבט ריין און קלאר די בילד וואס מיר האבן געזעהן, עס בלייבט פונקט אזוויי מיר האבן עס געזעהן אמאל, און וואס מער קדושה'דיגע זאכן מיר זעהן, מאכט דאס שטארקער די ציור אין קאפ.

מיר דארפן זיך שטארק היטן, נישט אריינצולאזן זאכן וואס זענען נישט ריין אדער טמא ח"ו, ווייל דעמאלסט טוט די נישט גוטע בילדער ארייגעמישט ווערן אין אונזער חוש הציור און שמיעה בשעת ווען מיר זענען זיך מצייר א געוויסע ציור. למשל, ווען מען וויל זיך מצייר זיין וויאזוי עס קוקט אויס אין שול דעם מוצאי שבת סליחות נאכט, איז פלוצלינג! מיטאמאל, קען ארייגפאלן די נישט געווינטשענע ציורים פון היפוך קדושה און א נארישע 'בהמה' קען פלוצלינג ארייגלויפן אין שול אינמיטן סליחות!... אדער אנדערע זאכן וואס פארדרייען די הייליגע ציורים וואס מיר זעהן, די נישט גוטע זאכן שאדט צום קלארקייט וואס מען וויל זעהן, די בילד ווערט פארנעפלט אדער נאך ערגער חס ושלום...

פארציילט ר' שלום מרדכי: "ברוך השם, כדי איך זאל ווערן די מושל אויף דער פלאץ וואס הייסט תפיסה, און נישט פארקערט ח"ו... האב איך געמאכט א שטארקע באשלוס צו היטן מיין הייליגע נשמה, און דער הייליגע חוש הציור, אזוי אז אפי' זיי קענען צווינגן געוויסע זאכן אויף דער גוף, קענען זיי אבער נישט צווינגן זאכן אויף מיין נשמה... און אזוי קענען מיר לעבן ווי א איד, און דינען דעם אייבערשטען מיט שמחה.

אבער דאך פרובירן זיי זיך ארייגצוצווינגן אין די נשמה אריין, רחמנא ליצלן! וויאזוי טוען זיי דאס?!

זיי פרובירן ארייגצוקומען דורך די טויערן פון דער מענטש. דורך די 'אויגן', און די 'אויערן', און אפי' דורך די נאז... (יא, די אלע גוי'אישע שטונקערייי וואס זיי קאכן איז מיאוס פאר א איד...), און פארשטייט זיך אז אויב מען לאזט זיי אריין דורך די אויגן און די אויערן וועלן זיי נישט נאר קאנטראלירן דער 'גוף' נאר אויך די 'נשמה', חס ושלום!

אפי' בלויז קוקן אדער הערן עפעס וואס איז נישט אידיש, און נישט פול מיט קדושה שאדט! ווייל א יעדע נישט אידישע זאך איז א קליפה וואס דעקט איבער די ריינקייט און די שיין פון דער איד'ס נשמה, און דאס מאכט אז די 'געפיהלן' און 'ציורים' וואס דער איד האט פון געבורט זאל פארלוירן ווערן, אויב מען לאזט אריין די גוי'אישע ציורים הייבט מען אן טראכטן און פארשטיין און מצייר זיין זאכן אזוויי דער גוי ח"ו, און דאס איז דער גרעסטער 'תפיסה' פאר א איד, רח"ל. זיין נשמה איז אין תפיסה רח"ל!

האב איך פארשטאנען אז מען טאר נישט צולאזן אז די היפוך קדושה זאל מצליח זיין ארייגצוגיין דורך די אויגן און אויערן 'אפי' נישט אביסל'! און אזוי, בעזרת השם, וועל איך קענען בלייבן גאנץ מיט אלע גוטע ציורים וואס איך האב געהערט און געזעהן אלע מיינע יארן, ווי א איד. און אז מיין נשמה וועט בלייבן מיינע, וועט מיין גוף אויך בלייבן מיינע... און אזוי איז א איד א 'בן חורין' און ער איז 'בשמחה' תמיד, ווען ער איז צוגעבינדן צום אייבערשטען.

ר' שלום מרדכי איז מסיים: יה"ר פון השי"ת, צו געבן יעדן איד זיין גאולה פרטי מיט אונזער גאולה כללי יעצט מיט משיח צדקנו.